ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# שבט מוסר

## פרשת וירא

באידיש

**504**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ח לפ"ק

בעזרת השם יתברך

# פרק רביעי

## וירא

עצות פאַרן גוף און פאַר דער נשמה ווי אַזוי תשובה צו טוהן, און פיל עצות ווי אַזוי מבטל צו זיין דעם יצר הרע פון עריות

דער ספר האָט במשך פון זיינע הונדערטער יאָרן עקזיסטענץ מדריך און מחנך געווען טויזנטער אידישע קינדער אויפן ערלעכן אידישן וועג.

דער הייליגער גאון וצדיק ר"ר הלל קאלאמייער זצ"ל האָט עדות געזאָגט אַז דער "שבט מוסר" האָט אים געמאַכט פאַר אַ מענטש, און אַזוי האָבן גרויסע צדיקים וקדושים אָנגעזאָגט זייערע קינדער צו לערנען שטענדיג אין דעם ספר, ווייל דאָס האָט זיי געברענגט צו דעם וואָס זיי זענען צוגעקומען.

בס"ד

# אינהאַלט
## פון פערטער פרק


א. דער מענטש דאַרף שטענדיג געדענקען, די גרויסע חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אים, פונעם טאָג וואָס ער איז באַשאַפען געוואָרן ביז יעצט. ..................... ג

ב. ער זאָל ציטערן פון אַן עבירה ..................... ו

ג. אמת'ע רייד וואָס דער גוף און די נשמה זאָגן פאַרן אויבערשטען כדי ער זאָל אים פאַרגעבען די זינד, און אַ עצה פאַר דעם וואָס טוט תשובה, אַז די תשובה זאָל אָנהאַלטן און זיך נישט אָפּקערן פון אים. ..................... ז

ד. די ריכטיגע תשובה און פייניגונגען מתקן צו זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט ..................... ז

ה. ווי אַזוי מען קען ארויסלערנען פון דעם דור המבול און פון סדום די חסדים פון אויבערשטען ..................... ח

ו. דאָס גלויבן אינעם טאָג ווען ער וועט דאַרפען געבען אַ דין וחשבון, האַלט צוריק דעם מענטש פון זינדיגען ..................... ט

ז. וואָס דער מענטש זאָל טראַכטן כדי אָפּצושוואַכן זיין יצר הרע. ..................... ט

ח. אַ מענטש טאָר זיך נישט באַרימען, נאָר ער דאַרף זיך וועלען צו גלייכן צום באַשעפער. אויך דאַרף דער מענטש שטענדיג האַלטן פאַר די אויגן די צוקונפטיגע צייט. ..................... יא

ט. פיל זאַכען צוליב וועלכע ס'איז ביטער פאַרן מענטש ..................... יא

י. זאַכען וואָס וואויל איז דעם מענטש וואָס איז זיי מקיים ..................... יג

# פרק רביעי

**דער מענטש דאַרף שטענדיג געדענקען, די גרויסע חסדים וואָס דער אויבערשטער האָט געטוהן מיט אים, פונעם טאָג וואָס ער איז באַשאַפען געוואָרן ביז יעצט.**

**א. יוצר הרים,** דער וואָס האָט באַשאַפן די בערג און אַלע באַשעפענישן, מיין באַשעפער, מיין באַשיצער און מיין אויסלייזער, ווען איך ברענג אַרויף אויף מיין האַרץ די גענאד און דערבאַרעמדיגקייט וואָס דו האָסט געטוהן מיט מיר פון דעם טאָג ווען דו האָסט מיך באַשאַפן ביז היינט, און איך האָב זיך באַנאַרישט עובר צו זיין אויף דעם אַלעם וואָס דו האָסט מיר געבאָטן צו היטן, שטעלן זיך אויף די האָר פון מיין פלייש פאַר פחד, און מיין האַרץ כאַפּט אָן אַ ציטערניש און אַלע מיינע ביינער ווערן צושיט און עס כאַפּט מיך אָן אַ מורא.

**ואסלדה,** און איך טו אים לויבן מיט פאָרכט, מיטן טראַכטן, וואָס וועל איך ענטפערן אין דער צייט ווען מען וועט מיך ברענגען פאַר דיר צום דין און מען וועט מיך באַשולדיגן אין דיין גערעכטן בית דין, וואָס דער משפט וועט מיטברענגען ארויסצוגעבן אויף מיר אַ שטראָף, ווייל איך האָב געלייקנט אין דעם גוטס, וואָס דער באַשעפער האָט געמערט צו טוהן מיט מיר, אַזא גוטס וואָס קיין געדאַנק קען עס נישט אָפּציילן.

**ובראותי,** און אַז איך זע דאָס גרויסע שלעכטס וואָס געפינט זיך אין מיר, שטאַרבט מיין נשמה אָפּ אין מיר, ווייל איך זע אַז צו מיין מכה איז נישט דאָ קיין רפואה און איך האָב זיך כמעט מייאש געווען פון באַשעפער׳ס רחמנות.

**אך,** נאָר מיינע נירן האָבן מיר געגעבן אַן עצה צו אַנטלויפן פון דיר צו דיר, איידער עס וועלן פינצטער ווערן מיינע שטערן, זיך צו

באַשיצן און צו באַהאַלטן זיך אין דעם שאָטן פון דיינע פליגל אַז דו זאָלסט מיר פאַרגעבן מיט דיין רחמנות און דו זאָלסט מיך טובל'ען אינעם ים פון דיינע חסדים און דו זאָלסט מיך ריינִיגן און אָנגרייטן די מנוחה פון מיין נשמה אונטער דיין כסא הכבוד, ווייל איך ווייס אַז דו האָסט מיך באַשאַפן בלויז כדי דו זאָלסט מיט מיר גוטס טוהן, אַזוי ווי דיין מידה איז צו טוהן גוטס אָן אויפהער.

**ועל זה,** און אויף דעם האָב איך זיך פאַרזיכערט צו אַנטלויפן צו דיר און זיך איבערצוגעבן אין דיינע הענט, ווייל איך ווייס אַז דו וועסט מיר פאַררעכענען גלייך ווי איך האָב געטוהן די עבירות אומווילנדיג, אָדער ווי איינער וואָס איז געצוואונגען עובר צו זיין אויף דיינע מצוות, ווייל דער גוף וואָס איז געמאַכט פון ערד האָט מיר גורם געווען צו זינדיגן, און די נשמה וואָס איז אין מיר קען נישט צוריקהאַלטן מיין בחירה און מיך ראַטעווען אין דער צייט ווען איך קום עובר זיין אויף דיין רצון, ווייל זי קען נישט אַנטלויפן פון מיר ווייל זי איז פאַרשלאָסן אין מיר ביז דער צייט וואָס דו האָסט גוזר געווען זי זאָל רוען אין מיר.

**ואני,** און דורך מיינע שענדליכע און פאַרשמירטע מעשים האָב איך גורם געווען פאַר דער נשמה, וואָס זי איז אַ טאָכטער פונעם קעניג, זי זאָל ליידן צוליב מיינע מעשים, ווייל זי מוז קומען מיר צו באַלייכטן און צו שטאַרקן און באַפעסטיגן מיינע איברים, אַז זיי זאָלן טוהן מיין ווילן און מיין אויסוואַל, און איך האָב איר אַריינגעברענגט אין דער קרענק און אין דער טומאה פון מיינע זינד.

**וכיון,** און ווייל איך האָב אַזוי פיל געזינדיגט, וועלן דען גענוג זיין אַלע קאָכעדיגע וואַסערן פון מבול, מיך צו ריינִיגן, און דאָס פייער וואָס האָט פאַרברענט סדום, וועט דען קענען ריינִיגן דעם זשאַווער פון מיינע עבירות.

**ובראותי,** און ווען איך זע אַז איך בין פול מיט זינד וואָס איך קען זיי

נישט דערטראָגן, האָב איך געטראַכט זיך אַן עצה צו האַלטן מיט איר אַליין, כאָטש איך האָב שלעכט געהאַנדלט מיט איר (מיט דער נשמה), וואָס איך האָב זי מטמא געווען מיט מיינע מעשים, און האָב געזאָגט צו איר, מיין נשמה, די ריינע און די קלוגע, וואָס דו ביסט גענומען פון הימל צו רוען אין דעם גוף, און צו דיר איז אַנטפּלעקט די חכמה און די טויערן פון פאַרשטאַנד זענען איבערגעגעבן אין דיינע הענט, און דו ווייסט וואָס עס שטייט אין דער תורה, דו זאלסט נישט פאַראומווירדיגן קיין מצרי ווייל דו ביסט געווען אַ גר אין זיין לאַנד, און כאָטש זיי האָבן געטוהן שלעכטס מיט די אידן, און אַזוי אויך דו (מיין נשמה), כאָטש איך האָב דיר געטוהן אַ גרויסע רעה, זאָלסטו מיך פאָרט נישט פאַראומווירדיגן צו פאַרמיידן פון מיר דיין עצה, דו זאָלסט מיר אַן עצה געבן ווי אַזוי איך זאָל זיך קענען אומקערן צוריק צו מיין באַשעפער, ווייל איך ווייס נישט ווי אַזוי זיך אומצוקערן אָן דיין עצה, דעריבער זאָלסטו נישט פאַרמיידן גוטס פון מיר ווייל דו ביסט געווען אַ גר אין מיין לאַנד.

**ותען,** ענטפערט די נשמה און זאָגט, איך וועל טוהן אַזוי ווי דיינע רייד, ווייל איך בין ביי דיר געזעסן און האָב זיך אַזוי געעלטערט ביז איך בין צוגעוואוינט געוואָרן צו גיין אין דיינע וועגן וואָס זענען מסוכן ביז דו האָסט געמאַכט שולדיג מיין קאָפּ צום אויבערשטן, מיין פאָטער אין הימל. און איך באַדאַרף אויך אַ היילונג צו ריניגן דעם זשאַווער וואָס דו האָסט אויף מיר געבראַכט אינעם גוף, נאָך איידער דו האָסט געבעטן פון מיר אַן עצה האָב איך דיך געוואָרנט מיט דעם דאָזיגן.

**וגמרתי,** און ביי מיר איז געבליבן די דעה, און איך האָב געזאָגט אַז די רפואה וואָס מיר באַדאַרפן פאַר אונזער ווייטאָג, דאָס איז גאָר אַ גרינגע זאַך, ווייל לויט דאָס גרויסע און פילע רחמנות פון באַשעפער, אַזוי גרויס איז די גרינגקייט פון אונזער תשובה, כאָטש יעדער זינד אונזערס איז זייער גרויס, ווייל דער באַשעפער וויל אַז דער

מענטש זאָל זיך אַליין העלפן, ער זאָל זאָגן ווידוי, אזוי ווי דער פסוק זאָגט "**קחו עמכם דברים ושובו אל ה'**", נעמט מיט זיך רייד און קערט זיך אום צום אויבערשטן, און לאָמירביידע קומען פאַר אונזער באַשעפער מיט רייד, אים איבערצובעטן, און אַזוי וועלן מיר זאָגן:

**רבון כל העולמים**, דער האַר פון דער גאַנצער וועלט, אונזער פאָטער, דערבאַרעמדיגער פאָטער, אַזוי וואויל

ווי מיר האָבן דערקענט די גרויסקייט פון אונזערע זינד, אַזוי האָבן מיר געהערט און דערקענט און מיר ווייסן וועגן דיין גרויס גענאָד און פיל רחמנות, און אויך האָבן מיר זיך פאַרזיכערט צו קומען און קלאַפן אין די טויערן פון דיין חסידות, אַז דו זאָלסט העלפן און הערן דאָס געשריי פון די וואָס בעטן פון דיר הילף אַז דו זאָלסט זיי מוחל זיין די זינד, ווייל דו ביסט אַ דערבאַרעמדיגער קעניג און דיין ווילן איז צו דערבאַרעמען און לייטזעליגן די וואָס קערן זיך אום צו דיר, ווייל אויף דער תשובה האָסטו געגרונדפעסטיגט די וועלט, ווייל דו ווילסט נישט אַז דער רשע זאָל שטאַרבן, און אויב די תשובה וועט אונז ח"ו נישט העלפן, האָסטו ממילא באַשאפן ח"ו די תשובה אומזיסט, ווייל די צדיקים דאַרפן זי דאָך נישט, און אַז דו וועסט אונזער תשובה אָננעמען, וועט באַקאַנט ווערן דורך אונז אַז דו ביסט אַ דערבאַרעמדיגער און אַ לייטזעליגער, דו פאַרלענגערסט דיין צאָרן.

### ער זאָל ציטערן פון אַן עבירה

**ב.** און אויב מיר האָבן געזינדיגט מיט אונזער גרויס נאַרישקייט, האָבן מיר דאָס געטוהן ווי עמיצער וואָס איז געמאַכט פון ליים, און דו טו ווי אַ גאָט דאַרף טוהן, ווייל עס איז נישט דאָ נאָך אַ גאָט אויסער דיר, אונז מוחל צו זיין, און אַזוי גרויס ווי אונזערע זינד זענען, אַזוי גרויס איז דיין רחמנות, פיל דאָפּלט מאָל אַזוי פיל.

**אמת'ע רייד וואָס דער גוף און די נשמה זאָגן פאַרן אויבערשטען כדי ער זאָל אים פאַרגעבען די זינד, און אַ עצה פאַר דעם וואָס טוט תשובה, אַז די תשובה זאָל אָנהאַלטן און זיך נישט אָפקערן פון אים.**

**ג. על כן,** דעריבער לענען מיר זיך אָן אויף דיין גענאַד און אויף דיין רחמנות, אַז מיר זאָלן זיך נישט צוריקקערן פון דיר ליידיג, מיר ווען טוהן ווי ווייט אונזער מעגליכקייט דערגרייכט, צו פאַרריכטן וואָס מיר האָבן געזינדיגט, און דו טוה ווי גאָט, אונזער באַשעפער.

**במקום,** דערפאַר וואָס מיר האָבן געגעסן און געטרונקען נישט ווי עס איז ריכטיג, וועלן מיר זיך לייטערן מיט תעניתים ביז אונזער פלייש וועט געמינערט ווערן און דאָס פעטס וועט געמינערט ווערן.

## די ריכטיגע תשובה און פייניגונגען מתקן צו זיין וואָס ער האָט קאַליע געמאַכט

**ובמקום,** אנשטאָט וואָס אונזערע אויגן האָבן געזען וואָס איז נישט רעכט, וועלן מיר זען אין דער ליכט פון דיין תורה. און אויב אונזערע אויערן האָבן געהערט מיאוסע רייד, וועלן מיר שטענדיג צוהערן די רייד פון די חכמים אין דער תורה.

**ואם,** און אויב מיר האָבן מיט אונזער צונג גערעדט שלעכטע זאַכן און שמייכלדיגע רייד, דערפאַר וועלן מיר מיט דעם רעדן מיט אונזער מויל, מאַכן שלום צווישן איין מענטש און דעם אַנדערן, און צווישן מאַן און ווייב.

**ואם,** און אויב אונזערע הענט האָבן געגנב'עט און געגזל'ט, וועלן מיר אויסשטרעקן אונזערע הענט צו געבן צדקה צו אָרימעלייט.

**ואם,** און אויב אונזערע פיס זענען געלאָפן צו שלעכטס, וועלן זיי לויפן צו אַלע דבר מצווה'ס, און אויב אונזער האַרץ האָט

געטראַכט שלעכטע מחשבות, וועלן מיר טראַכטן שטענדיג וועגן דיין געטליכקייט, צו באַהעפטן זיך אין דיר, און אַזוי וועלן מיר פאַרריכטן אַלץ וואָס מיר האָבן פאַרדאָרבן.

**ובהיותנו,** און אַז מיר וועלן צוריקבויען וואָס מיר האָבן צושטערט, דערבאַרעמדיגער פאָטער, גיב אונז פון דיין רחמנות און העלף אונז, ווייל אויב מיר זענען ביי דיר ווי קנעכט, דערבאַרעם זיך איבער אונז ווי אַ הער דערבאַרעמט זיך איבער זיין קנעכט, און אויב מיר זענען ווי זין, דערבאַרים זיך איבער אונז ווי אַ פאָטער איבער זיינע זין, ווען זיי זינדיגן פאַרדעקט ער זייערע זינד, און אַז דו וועסט מיין תשובה אָננעמען, וועלן אַלע זינדיגע דאָס זען און וועלן זיך אויך לערנען צו טוהן תשובה.

## ווי אַזוי מען קען ארויסלערנען פון דעם דור המבול און פון סדום די חסדים פון אויבערשטען.

**ה. גם,** אויך דו, מענטש, זע ווי עס איז געשען מיט סדום און עמורה, וואָס דער אויבערשטער האָט געוואָלט זיי זאָלן תשובה טוהן, און דורך דעם וועסטו זיך שטאַרקן תשובה צו טוהן, כאָטש דו האָסט פיל געזינדיגט ווייל דו קענסט דאָך נישט טוהן אַזוי פיל עבירות ווי די מענטשן פון סדום האָבן געטוהן, וואָס זיי האָבן אויסגערופן אין די שטעט אַז דער וואָס וועט שטיצן אַן אָרימאַן זאָל פאַרברענט ווערן, און דעריבער האָבן זיי פאַרברענט אַ מיידל, ווייל זי האָט עובר געווען אויף זייער גזירה און זיי האָבן געטאָן אַלע אומווירדיגקייט, און פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער זיי דאָך נישט געמאַכט פאַרלירן באַלד, איידער ער האָט עס מגלה געווען צו אברהם, טאָמער וועט ער אויסזוכן אַ זכות אויף זיי, און אויב עס וואָלטן געווען צען צדיקים צווישן זיי, וואָלטן זיי ניצול געוואָרן, און אויב זיי וואָלטן תשובה געטוהן, וואָלט ער זיי אָנגענומען, כאָטש זייערע זינד האָבן דערגרייכט ביזן הימל.

**דאָס גלויבן אינעם טאָג ווען ער וועט דאַרפען געבען אַ דין וחשבון, האַלט צוריק דעם מענטש פון זינדיגען.**

**ה. אין,** עס איז נישט דאָ אַן ערגערער דור אין דער וועלט, ווי דער דור המבול איז געווען. זיי האָבן געזאָגט צום אויבערשטן, קער דיך אָפּ פון אונז און פון דיינע וועגן ווילן מיר נישט וויסן, און זיי האָבן געטאָן שלעכטס וואָס עס איז נישט צו דערציילן, און פונדעסטוועגן האָט דער אויבערשטער זיי מעורר געווען צו תשובה, ווי אונזערע חכמים ז״ל האָבן געזאָגט, ער האָט אויף זיי געמאַכט שטורעמען די בערג, אפשר וועלן זיי מורא באַקומען און וועלן תשובה טוהן.

**הרי,** פון דאָ איז געדרונגען, אַז די טירן פון תשובה זענען קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן און זיין האַנט איז אויסגעשטרעקט מקבל צו זיין די וואָס טוען תשובה.

**וכיון,** און ווייל עס איז יאָ אַזוי, ווי קען דער זינדיגער זאָגן איך האָב נישט געקענט תשובה טוהן ווייל איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט דער אויבערשטער נישט וועלן אָננעמען מיין תשובה. דאָס איז קיין טענה נישט, ווייל ער זעט דאָך אַז אויב די מענטשן פון דער המבול און פון סדום וואָלטן תשובה געטוהן, וואָלט דער אויבערשטער זיי יאָ אָנגענומען.

**וואָס דער מענטש זאָל טראַכטן כדי אָפּצושוואַכן זיין יצר הרע.**

**ז. גם,** אויך כדי דער מענטש זאָל זיך דערווייטערן פון זינדיגן זאָל ער זיך איבערטראַכטן, אַז דער פאַרגעניגן פון דער עבירה איז נישט ווערט די קרענקונג און חרטה וואָס ער וועט דערויף האָבן, ער וועט זיך פאַרמיאוסן דאָס לעבן אַז ער האָט אַזעלכעס געטוהן.

**כיצד,** אויב ער גלוסט צו אַ שיינע פרוי, זאָל ער זיך פאָרשטעלן אַז זי וועט אַלט ווערן, און איר פנים וועט זיין ווי אַ מאַלפּע, און די

ליחה וועט פאַלן פון איר נאָז, און איר מויל וועט זיין קרום, אָן ציין, און אַז ער וועט איר זען אַזוי, וועט ער פאַרשעלטן דעם טאָג וואָס ער האָט נאָר אָנגערירט אין איר, און ווען זיין יצר הרע רעדט אים אָן צו אַן אשה, און ער וועט דאָס אַלץ נאָכטראַכטן, וועט זי פאַרמיאוסט ווערן אין זיינע אויגן און ער וועט פון איר אַנטלויפן ווי פון אַ פייל פון בויגן.

**והנה,** און דו, מענטש, אַז דו וועסט אַלץ טוהן מיט איבערלייגונג, וועט דער יצר טוב זיך שטאַרקן און וועט קעניגן אין דיין גוף און וועט פאַרטרייבן דעם יצר הרע אַז ער וועט שוין נישט קענען אויפהויבן זיין קאָפּ ביז ער וועט מוזן מיט געוואַלד ענטפערן אמן, און אַז עס וועט אַזוי דויערן אַ צייט, וועט דער יצר הרע אויך איבערגעקערט ווערן צום גוטן, און דאָס וועט דיך ברענגען צו אַ ריכטיגע באַהעפטיקונג אין אויבערשטן ברוך הוא, אַזוי ווי אברהם אבינו ע"ה, וואָס דער אויבערשטער האָט אים אָנגערופן מיין ליבהאָבער צוליב דער באַהעפטונג וואָס אברהם האָט זיך באַהאָפטן צו אים אַזוי ווייט אַז ער האָט געוואָלט מקריב זיין זיין יונגן און איינציגן זון פאַר אַ קרבן צו אים, און ער האָט נישט ווידערגעשפעניגט פון צו טוהן עס, כאָטש זיין זון איז אים ליבער געווען פון זיין לייב, נאָר קעגן זיין ליבשאַפט צום אויבערשטן ברוך הוא איז ביי אים אַלץ געווען ווי גאָרנישט.

**וביד,** און עס איז אין דער האַנט פון יעדן מענטש צו זיין ווי אברהם, יצחק און יעקב, אונזערע הייליגע עלטערן, וואָס זייער באַשעפער באַרימט זיך מיט זיי, ווייל עס איז נישט דאָ קיין דור וואָס עס זאָלן נישט זיין דערין דרייסיג צדיקים ווי אברהם אבינו ע"ה, וואָס אויף זיי שטייט די וועלט.

**אַ מענטש טאָר זיך נישט באַרימען, נאָר ער דאַרף זיך וועלען צו גלייכן צום באַשעפער. אויך דאַרף דער מענטש שטענדיג האַלטן פאַר די אויגן די צוקונפטיגע צייט.**

**ח. ודע,** און דו זאָלסט וויסן, אַז קיין מענטש קען זיך נישט באַרימען, נאָר מיט דעם וואָס ער איז מקיים די תורה און די מצוות. וואָס קען זיך באַרימען דער רשע מיט בייז, זיין קראַפט איז נישט מער ווי די קראַפט פון אַ שלאַנג אָדער אַ חיה רעה אָדער אַ שטיין.

**שהרי,** דער כח פון דעם רשע איז, צו שלאָגן און שעלטן און פאַלש שווערן און ליגן זאָגן און גנב'ענען און שעדיגן זיין חבר, און וואָס האָט ער זיך דערמיט צו באַרימען, אַ שטיין פאַלט אויך אויף אַ מענטש און צוברעכט אים זיינע איברים, און אַז אַ דאָרן גייט אַריין אין אים טוט אים וויי. אָדער אַ חיה גיט אים אַ ביס און מאַכט אים קראַנק, אַ כלב בילט אויף אים און דערשרעקט אים, אַ שלאַנג גיט אים אַ ביס און הרג'עט אים, נו וואָס פאַר אַ גדולה איז דאָס פאַרן רשע, ער זאָל זיך גלייכן צו אַזעלכע זאַכן וואָס זענען מזיק מענטשן.

**בזאת,** נאָר דערמיט זאָל זיך יאָ באַרימען. צו לויבן און דערהייבן זיין באַשעפער, צו גלייכן זיך צו די אויבערשטע מלאכים; צו טוהן גוטס מיט יעדעם איינעם, צו גלייכן זיך צו זיין באַשעפער; צו לערנען תורה, נאָכצויאָגן מצוות, צו טוהן צדקה און גמילות חסד, צו באַדינען תלמידי חכמים און זיי צו שטיצן פון זיין געלט. אַזעלכן מעג מען אָנרופן מענטש, ווייל ער טוט אַזעלכע זאַכן, וואָס אַנדערע באַשעפענישן אויסער דעם מענטש קענען נישט טאָן.

## פיל זאַכען צוליב וועלכע ס'איז ביטער פאַרן מענטש

**ט. אוי,** וויי איז פאַר דעם מענטש, וואָס ער טוהט נישט איבערטראַכטן דאָס אַלץ. וויי איז פאַר דעם וואָס טראַכט נישט אין די יסורים וואָס קענען אויף אים קומען.

**ווי** איז פאַר דעם וואָס טראַכט נישט אַז זיינע טעג זענען אַזוי ווי דער שאָטן אויף דער ערד.

**ווי** איז פאַר דעם וואָס טראַכט נישט וועגן די קרענקענישן און צער וואָס קענען אויף אים קומען.

**ווי** איז פאַר דעם וואָס ער טראַכט נישט אַז ער איז געמאַכט פון ערד און וועט זיך אומקערן צו ערד.

**ווי** איז פאַר דעם וואָס ער טראַכט נישט וועגן דער שרעק פאַרן מלאך המות.

**ווי** איז צו דעם וואָס טראַכט נישט וועגן דעם צער וואָס די נשמה האָט ווען זי גייט אַרויס פון מענטש.

**ווי** איז צו דעם וואָס טראַכט נישט וועגן דעם צער פון חיבוט הקבר.

**ווי** איז צו דעם מענטש וואָס טראַכט נישט וועגן דעם צער וואָס דער מענטש האָט אין קבר.

**ווי** איז צו דעם מענטש וואָס טראַכט נישט וועגן דעם יום הדין.

**ווי** איז צו דעם וואָס טראַכט נישט וועגן די יסורים פון גיהנם.

**ווי** איז צו דעם וואָס טראַכט נישט וועגן די מיתות משונות וואָס קענען קומען אויף דעם מענטש.

**ווי** איז צו דעם וואָס בשעת ער טוט אַ זאַך טראַכט ער נישט וואָס עס וועט פון דעם אַרויסקומען.

**לכן,** דעריבער דאַרף יעדער קלוגער מענטש טראַכטן אַז ער קען זיך נישט אָפּהיטן פון די אומגליקן וואָס קענען אויף אים קומען און דורך דעם וועט דעם אויבערשטנ׳ס מורא זיין פאַר זיינע אויגן, ווייל עס איז מעגליך אַז עס זאָל אויף אים קומען אַן אומגליק ח״ו, ממילא ווי קען דער מענטש זיך גרויס האַלטן מיט זיין חכמה און גבורה און עשירות מיט זיין שיינקייט אָדער מיט זיינע פיל קינדער אַז ער איז

גרייט צו אַלע אומגליקן פון דער וועלט צו שאַנד, צו לעסטערונג, צו נידערן צו די דינים פון גיהנום.

**וכיון,** און אַז עס איז אַזוי ביטער פאַר דעם וואָס קען זיין אין דער מעלה פון אַ מענטש און איז געגליכן צו אַ בהמה, וויי איז צו דעם וואָס ער גלוסט פיל עסן און טרינקען ווי די בהמות, וויי איז צו דעם וואָס גלוסט פיל שלאָף, וויי צו דעם וואָס האָט ליב ליידיג צו גיין, וויי צו דעם וואָס רעדט דברים בטלים, וויי צו דעם וואָס זיצט מיט די שפּעטערס.

**אוי,** וויי איז צו דעם גוף וואָס גייט אַוועק פון דער וועלט ליידיג פון זכיות און פול מיט עבירות, וויי צו די פיס וואָס זענען נישט געגאַנגען מיט רעכטפאַרטיגקייט, וויי איז צו די געדערים וואָס האָבן הנאה געהאַט פון גזל.

**וויי** די הענט וועלכע האָבן עוסק געווען אין פאַלשע זאַכן.

**וויי** די אויגן וואָס האָבן געזען שלעכטס וואָס מען דאַרף נישט זען.

**וויי** די אויערן וואָס האָבן נישט געהערט שטראָף-רייד.

**וויי** דעם מויל וואָס האָט נישט געלערנט תורה.

**וויי** דעם גוף וואָס האָט זיך נישט געמיט אין אויבערשטנ׳ס פאָרכט.

**וויי** די געדאַנקען וואָס זענען נישט אונטערטעניג געווען צו דעם באַשעפער.

**וויי** דאָס האַרץ וואָס האָט נישט געדינט דעם אויבערשטן.

## זאַכען וואָס וואויל איז דעם מענטש וואָס איז זיי מקיים

**אשרי,** וואויל איז דעם וואָס לייגט די מורא פאַר זיין באַשעפער, קעגן זיינע אויגן שטענדיג.

**וואויל** איז דעם וואָס מאַטערט זיך טאָג און נאַכט אין דער תורה.

**וואויל** איז דעם וואָס באַמיט זיך מקיים צו זיין מצוות און טוהן גמילות חסד.

**וואויל** איז דעם וואָס איז מדקדק און טוט זיי מיט כוונה.

**וואויל** איז דעם וואָס שטיצט לומדים און אָרימעלייט.

**וואויל** איז דעם וואָס האָט ליב נאָכצוזוכן מצוות זיי צו טוהן.

**וואויל** איז דעם וואָס באַדינט תלמידי חכמים.

**וואויל** איז דעם וואָס האַנדלט גוט מיט אַלע מענטשן.

**וואויל** איז דעם וואָס איז שעמעוודיג.

**וואויל** איז דעם וואָס איז אַן עניו.

**וואויל** איז דעם וואָס ער צערנט נישט.

**וואויל** איז דעם וואָס הערט זיין שאַנד און ענטפערט נישט.

**וואויל** איז דעם וואָס ער גלויבט אין דער תורה.

**וואויל** איז דעם וואָס רייניגט זיך און הייליגט זיך.

**וואויל** איז דעם וואָס בינדט-אָן זיין נפש, רוח און נשמה אינעם אויבערשטן.

**וואויל** דעם קאָפּ וואָס לייגט תפילין און טראָגט פּיאות.

**וואויל** זענען די אויגן וואָס קוקן אין דער תורה.

**וואויל** די נאָז וואָס שמעקט בשמים צו מאַכן אַ ברכה און לויבן דעם אויבערשטן.

**אשרי,** וואויל איז דעם מויל און די צונג וואָס לערנען און מאַכן שלום צווישן איין מענטש מיטן אַנדערן און צווישן מאַן און ווייב.

**וואויל** איז דעם האַלז וואָס לויבט זיין באַשעפער.

**וואויל** דעם האַרץ וואָס טראַכט אין פאָרכט פון אויבערשטן.

**וואויל** איז צו די נירן וואָס געבן עצות צו טוהן גוטס.

**וואויל** איז דעם גוף וואָס קליידעט אָן ציצית און וויקלט זיך איין מיט אַ טלית.

**וואויל** איז די האַנט וואָס מען לייגט תפילין אויף איר.

**וואויל** איז צו די פיס וואָס גייען אין שוהל און אין בית המדרש, און גייען מבקר חולים זיין און גיין באַגלייטן אַ מת און פירן אַ כלה אונטער דער חופה.

**וואויל** איז די פיס וואָס שפּרינגען ביי קדושה.

**וואויל** איז די מחשבות וואָס טראַכטן גוטס.

**וואויל** די הענט וואָס באַמיען זיך ערליך צו שפּייזן.

**וואויל** די פינגער וואָס ווייזן אַ קינד אין אַ ספר.

**וואויל** איז דעם וואָס זיין באַשעפער באַרימט זיך מיט אים.

**אשרי,** וואויל איז דעם וואָס זיין באַשעפער איז מוחל דעם דור זייערע עבירות אין זיין זכות.

**וואויל** איז דעם צדיק וואָס די וועלט ווערט געשפּייזט אין זיין זכות.

**והנה,** און ווייל עס איז אין די האַנט פון אַ מענטש צו דערגרייכן די מעלות, פאַרוואָס זאָל ער נישט שטעלן פאַר זיינע אויגן, אַז עס איז נישט ריכטיג איבערצולאָזן אַסאַך פאַר ווייניג, דאָס זענען די פאַרגעניגנס פון עולם הבא צוליב די פאַרגעניגנס פון עולם הזה וואָס גייען אַוועק. דעריבער הער צו די עצה און פאַרנעם מוסר, צו פאַרבייגן די תענוגים פון עולם הזה, כדי דו זאָלסט זיך פרייען אין דיין לעצטן טאָג, ווען דיין נשמה וועט רוען אין גן עדן, וואָס דאָס איז אַזאַ רו און

פאַרגעניגן, וואָס קיין אויג האָט עס נישט געזען נאָר דער באשעפער אַליין. דאָס וועט ער טאָן און געבן צו די וואָס האָפן צו אים.

❁ ❁ ❁